בן ציון פנחס פריעדמאן
קרית יואל יצ"ו
845-782-7830

בס"ד

## צו די הויכגעשעצטע ריכטער

בנוגע פרשת "ווייס וואלהענדלער ניימאן"

אזוי ווי אין די לעצטע זעקס חדשים בין איך שטארק אריינגעטוהן אין ארויסהעלפן ר' קלמן יהושע ווייס (פראממער) נ"י מיט זיינע קארט פארוויקלונגען, שפיר איך פאר וויכטיג אייך מיטצוטיילן גאר וויכטיגע אינפארמאציע.

ר' קלמן יהושע ווייס (פראממער) נ"י איז נישט אין זיין אייגענע רשות צו מאכן החלטות, ער איז קאנטראלירט פון יוסף ברוך וואלהענדלער פון סי-געיט, זיין מאמע מרת ניימאן, זיין מאמע'ס מאן שלום ניימאן פון טאהש, און זיין ברידער חיים, זיי מאכן פאר אים די החלטות אקעגן זיין ווילן.

דהיינו מאנטאג צופרי פרשת מטות איז ר' קלמן יהושע נ"י אריינגעפארן פון קרית יואל צו זיין אלטע לויער אפצונעמען די געריכט פאפירן כדי דאס איבערצוגעבן פאר דעם נייעם לויער, (אויפן פארלאנג פונעם נייעם לויער).

ווען די אויבנדערמאנטע האבן זיך דערוואוסט דערפון זענען זיי ארויפגעשפרינגען אויף אים ווי חיות טורפות, ר' קלמן יהושע נ"י וועלכער איז פון נאטור אויס גאר א ווייכער און בכלל נישט קיין קריגערישער מענטש, איז שטארק פארלוירן געווארן פון די ..., ער איז אריינגעלאפן צו מיר אין שטוב בעטן פאר הילף, ווען די טעראר האט זיך פארשטערקערט האט ער מיר געבעטן צו קומען אין זיין געשעפט און ענטפערן די טעלעפאנען.

וויבאלד זיי האבן זיך איבערגעצייגט אז ר' קלמן יהושע נ"י איז באשלאסן זיך צו אנטזאגן פון זייער הילף און אזוי פארצוזעצן מיטן קעיס, האבן זיי אריבער געשיקט צו אים אין געשעפט חיים, משה און אפרים ווייס, וואס בלויז צו שטיין אין זייער געגנווארט כאפט א שרעק, זיי האבן אוועקגענומען די געריכט פאפירן פון אים, און אים געלאזט וויסן אז ער איז נישט אין זיין אייגענע רשות, און זאל זיך נישט דערוואגן צו נעמען א לויער, (דאס אלעם קוקט נישט אויס אז עס קען זיין אמת, ווייל אייגענע משפחה קען דאס נישט טאן, אבער ליידער איז דאס די אמת).

דעריבער ווער עס האט אן השפעה אויף ר' קלמן יהושע ווייס (פראממער) נ"י זאל אים ביטע אויפקלערן אז ער איז שוין לאנג פאראיבער די יארן וואס בארעכטיגן אים צו זיין א 'קטן הצריך לאמו', עס איז שוין העכסט צייט אז ער זאל זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס און זיך נישט לאזן טרעטן פון זיין משפחה קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן, אונזערע חכמים זאגן אין מס' אבות (פרק א' משנה י"ד) "אם אין אני לי מי לי".

דע רבוש"ע זאל אונז פירן אויף די וועג פון אמת מיט סייעתא דשמיא ביז ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן סלה.

הק' בן ציון פנחס פריעדמאן